בס"ד
כי תבא תשפ"ג
גליון 156

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייַערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין
וואָס דאָ האָט זיך גיטאָן (שיהרה"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### בִּכּוּרִים תשפ"ג

טַייַערע קִינְדֶער אִיךְ וִויל אַייךְ פְּרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה.

**הַײנְטִיגֶע צַייטְן קֶען מֶען בְּרֶענְגֶען בִּכּוּרִים?!**

וָואס אִיז בִּכְלַל דִי שְׁאֵלָה? מִיר הָאבְּן נִישְׁט קֵיין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, נִישְׁט קֵיין כֹּהֵן גָּדוֹל, נִישְׁט קֵיין מִזְבֵּחַ וואו אַרָאפְּצוּלֵייגְן דִי קָארְבּ מִיט פְרִישֶׁע פְּרוּכְט פוּן דִי שִׁבְעַת הַמִּינִים. נָא, וֵוייסְטוּ שׁוֹין אַ קְלָארֶע תְּשׁוּבָה, זִיכֶער קֶען מֶען נִישְׁט!

אָבֶער נֵיין, עֶס אִיז גְרַאדֶע יָא דָא אַזַא בְּחִינָה פוּן בִּכּוּרִים אוֹיךְ הַיינְטִיגֶע צַייטְן, חֹדֶשׁ אֱלוּל תשפ"ג, אֲפִילוּ פַאר אַזַא אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין גָארְטְן מִיט פְּרוּכְט בֵּיימֶער אִין פָארְנְט פוּן זַיין דִירָה, עֶר וואוֹינְט גְרַאדֶע אוֹיפְן פִּיפְטְן שְׁטָאק...

אָקֶעי, אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ הֶערְן, אִיךְ בִּין גְרֵייט... אִיךְ לֵייג שׁוֹין אַוֶועק אַלֶע מַיינֶע זַייטִיגֶע פְּלֶענֶער, מַיינֶע וִויכְטִיגֶע עִנְיָנִים, אוּן אִיךְ גְרָאד אוֹיס מַיין רוּקְן גְלַייךְ מִיט אָנְגֶעשְׁפִּיצְטֶע אוֹיעֶרְן גְרֵייט צוּ הֶערְן.

אָה, אַ הַאלְבֶּע תְּשׁוּבָה הָאסְטוּ שׁוֹין גֶעזָאגְט, דִי בִּיסְט גְרֵייט צוּ הֶערְן אוּן דוּ בִּיסְט דָא, דָאס אִיז פוּן דַיין זַייט אַ הִתְחַדְּשׁוּת, בִּיסְט גְרֵייט צוּ הֶערְן עֶפֶּעס נֵיי, וַוייל דֶער עִיקָר חִיּוּב פוּן בִּכּוּרִים וַוייזְט אוֹיף הִתְחַדְּשׁוּת, פְּרִישְׁקֵייט!

אַ אִינְגְל, אַ בָּחוּר, אַ טַאטֶע אָדֶער יֶעדֶער אִיד דַארְף וִויסְן אַז עֶר וֵוייסְט גָארְנִישְׁט, גָארְנִישְׁט, גָארְנִישְׁט. דָאס מֵיינְט אֱמוּנָה! מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן אַ מַתָּנָה, "אֱמוּנָה", אַז קֵיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען אוּנְז נִישְׁט צֶעמִישְׁן, וַוייל מִיר גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס קוּמְט אוּן וֶוערְט גֶעטוּן דוּרְךְ דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

כְּדֵי דָאס צוּ וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען פַארְלַאנְגְט זִיךְ הִתְחַדְּשׁוּת, מֶען זָאל זִיךְ אוֹיפְרִישְׁן. אַז אֲפִילוּ אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם לָבָן הָאֲרַמִּי הָאט דִיךְ אוֹיסְגֶעפָּאפְּט אוּן פַארְכַאפְּט אִין זַיין זַאק אוּן דִי שְׁפִּירְסְט זִיךְ וִוי אַ פַארְלָאשֶׁענֶע לִיכְט, דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן אוּן זָאגְן פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט בַּיים וִדּוּי בְּשַׁעַת'ן בְּרֶענְגֶען דִי בִּכּוּרִים: "בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וֵוייס אַז דוּ הָאסְט אוּנְז אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם, אוּן מִיר פְּרִיוַואט הָאסְטוּ אוֹיךְ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן

המשך אויף זייט 5












# איין מעשה'לע



## צוּרִיק אִין חֵדֶר...

אִיךְ הָאבּ אֵיין טָאג אַרָאפְּגֶעשְׁלִינְגֶען אַ *קוּגֶעלֶע - טְשֵׁייכְן אוּן כְ'הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר מַיין מַאמֶע אוּן זִי הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן צוּ טְרִינְקֶען וַואסֶער אוּן מִיךְ גְלַייךְ גֶענוּמֶען צוּם דָאקְטֶער צוּ מַאכְן אַ בִּילְד זֶען וואוּ דִי קוּגֶעלֶע



אִיז אַרַיין. צוּם סוֹף אִיז דִי מַאשִׁין גֶעוֶוען צֶעבְּרָאכְן הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט בּוֹדֵק זַיין, זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ צְוֵוייטְן דָאקְטֶער וָואס הָאט בַּאפוֹילְן אַז אִיךְ דַארְף זָאפָּארְט אַרַיינְפָארְן אִין שְׁפִּיטָאל מֶען זָאל עֶס אַרוֹיסְנֶעמֶען.

הָאבְּן זֵיי גֶערוּפְן אַ הַצָּלָה טְרָאק (מַאשִׁין) וֶוען אִיךְ בִּין אַרַיין אִין דֶער הַצָּלָה הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִתְפַּלֵּל זַיין אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט דַארְפְן אַרַיינְגַיין אִין שְׁפִּיטָאל אוּן אִיךְ זָאל קֶענֶען גַיין מָארְגְן אִין חֵדֶר ווִי אַ גֶעוֶועְנְלִיכֶער טָאג. אַפָּאר מִינוּט שְׁפֶּעטֶער הָאט מַיין מַאמֶע גֶערוּפְן נָאךְ אֵיין דָאקְטָאר וָואס הָאט טַאקֶע גֶעזָאגְט אַז אִיךְ דַארְף נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין שְׁפִּיטָאל, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם נִישְׁט גֶעדַארְפְט אַרִיבֶּערְגֵיין דִי אַלֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת.

**שרגא**

*אין חו"ל רופט מען עס קאגעלע אין ארץ ישראל טשייכן

## נִסְיוֹנוֹת אִין חֵדֶר...

אִיךְ ווִיל פַארְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה. אִיךְ בִּין הַיינְט גֶעוֶוען אִין חֵדֶר אוּן אַ גַאנְצֶע גְרוּפֶּע קִינְדֶער הָאבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְק חָזֵק גֶעמַאכְט פוּן מִיר אַז אִיךְ בִּין אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער, אָבֶער אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְמַאנְט פוּן דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז זֵיי זָאלְן אוֹיפְהֶערְן מַאכְן חָזֵק פוּן מִיר, בִּיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט טַאקֶע גֶעהָאלְפְן אַז זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעלָאזְט פוּן מִיר אוּן גֶעוָוארְן פַארְנוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע זַאכְן.

**הֶערְשִׁי**

טֵייעֶרֶער הֶערְשִׁי, וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, נָאר גֶעטוּן דִי רִיכְטִיגֶע שְׁרִיט צוּם בֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער. זִיכֶער פְּרְוּסְטוּ זִיךְ אוֹיף שֵׁיין מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ זֵיי אוּן דִי שְׁפִּילְסְט זִיךְ שֵׁיין מִיט אַלֶע קִינְדֶער אָן קְרִיגֶערַייעֶן. זַיי פַארְנוּמֶען מִיט דַיינֶע חֲבֵרִים וָואס זֶענֶען יָא מִיט דִיר אוּן מִיט דַיינֶע פְּרִיוַואטֶע לִמּוּדִים אַזוֹי וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן קַיין צַייט צוּ קוּקְן אוֹיף זֵיי, אוּן צוּם סוֹף וֶועלְן אַלֶע קִינְדֶער וֶועלְן זַיין דַיין חָבֵר. אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם דִי קְרִיגֶערַייעֶן הַאלְטְן ווַייטֶער אָן, בִּיסְטוּ מְחֻיָּב עֶס צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר דַיין מְנַהֵל אוּן פַאר דַיין טַאטֶע.

הֶערְשִׁי דָאס הָאסְטוּ אַ שְׁטִיקֶעלֶע לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת אוֹיף אַהֲבַת חֲבֵרִים אִין אִידִישׁ (תְּפִלָּה ק"ז)

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, רַאטֶעוֶוע מִיר פוּן קְרִיגֶערַייעֶן אוּן מַחְלוֹקֶת, הֶעלְף עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיי מִיר אִין אַלֶע זַאכְן אוּן אַלֶעמָאל, הֶעלְף אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ לִיבּ הָאבְּן מַיין חֲבֵרִים בֶּאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ, אוּן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי אֶמֶת'עֶ צַדִּיקִים, בִּיז אִיךְ וֶועל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין ווִי דַיין רָצוֹן אוּן דִי רָצוֹן פוּן דִי עֶרְלִיכֶע צַדִּיקִים, עוֹשֶׂה שָׁלוֹם בִּמְרוֹמָיו הוּא בְּרַחֲמָיו יַעֲשֶׂה שָׁלוֹם עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל, וְאִמְרוּ אָמֵן:

# מיין ערשטע ראש השנה: אומין שנת תרע"ה



**הַמְשֵׁךְ, ר׳ לֵוִי יִצְחָק דֶערְגְרַייכְט דִי שְׁטָאט בַּארְדִיטְשׁוֹב, מִיטְן פְּלַאן צוּ וַויילְן דָארְט אִיבֶּער שַׁבָּת. נִישְׁט וואוּסְנְדִיג וואוּ צוּ וֶוענְדְן זַיינֶע קוּמֶענְדִיגֶע טְרִיט**

דָארְט אִינֶעם שְׁטִיבְּל הָאט עֶר צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל בַּאגֶעגְנְט ר׳ אַבְרָהָמֶ׳לֶע, דֶער קוּמֶען קֶערֶער פוּנֶעם שְׁטָאט, וֶועלְכֶער פְלֶעגְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אַרוּמְדְרֵייעֶן מִיט אַן אוֹיסְגֶעדְרָאשֶׁענֶעם בֶּעזֶעם מִיט וֶועלְכֶע עֶר פְלֶעגְט אַרוּמְגֵיין קֶערְן דִי קוּמֶענְס אִין שְׁטָאט, וֶוערְנְדִיג צוּגֶעוָוארְפְן מִיט אַפָּאר אָרֶעמֶע פִּיאַסְטֶערְס. אָבֶער דָאס אַלְס הָאט זִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט וֶוען ר׳ אַבְרָהָמֶ׳לֶע הָאט צוּגֶעטְרָאטְן צוּם סִידוּר׳ל פְּרֵייטָאג צוּנַאכְטְס, וֶוען עֶר הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט הוֹיכֶע קוֹלוֹת, וִוי אֵיינֶער פוּן דִי גְרוֹיסֶע שְׂרָפִים אִין אוּמַאן.

שְׁפֶּעטֶער הָאט זִיךְ בַּאוִויזְן דֶער בַּאוואוּסְטֶער חָסִיד רֶבִּי בָּרוּךְ בַּארְדִיטְשׁוֹבֶ׳ער, דֶער פָאטֶער פוּן רֶבִּי יוֹחָנָן גַאלַאנְט, בַּיי וֶועמֶען רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק הָאט גֶעגֶעסְן דִי סְעוּדַת שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי.

דָאס דַאוֶוענֶען אִינֶעם אָרֶעמֶען שְׁטִיבְּל הָאט אָפְּגֶעדִינֶערְט וִוי אַ דַאוֶוענֶען פוּן דִי גְרֶעסְטֶע עוֹבְדִים, מִיט אַן אֵייגְנַאַרְטִיגֶע זִיסְקֵייט אוּן גֶעשְׁמַאק, עֶפֶּעס וָואס אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין דִי בֵּיינֶער בַּיי רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק פַאר לַאנְגֶע יָארְן, דִינֶענְדִיג אַלְס זַיין עֶרְשְׁטֶער בַּאגֶעגְעניש מִיט אַ בְּרֶסְלֶבֶ׳ע דַאוֶוענֶען בַּיי דִי אוּקְרֵיינִישֶׁע חֲסִידִים.

זֶעעֶנְדִיג דִי מַצָּב פוּן דִי חֲסִידִים אִין בַּארְדִיטְשׁוֹב, הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָא גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט קֵיינֶער בַּיי וֶועם עֶר קֶען בֶּעטְן אַז עֶר זָאל אִים אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט גֶעלְט צוּ קֶענֶען פָארְזֶעצְן מִיט זַיין רַייזֶע קַיין אוּמַאן, אוּן עֶר אִיז גֶעצְווּינְגֶען גֶעוָוארְן וַוייטֶער פָארְצוּזֶעצְן אוֹיף זַיינֶע בִּיז-יֶעצְטִיגֶע מִיטְלֶען פוּן זִיךְ מִיטְכַאפְּן מִיט אַ בַּאן פוּן אֵיין סְטַאנְצְיֶע בִּיזְן קוּמֶענְדִיגְן, וִוי עֶר וֶועט וִוידֶער אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן וֶוערְן פוּנֶעם בַּאן, נִישְׁט פַארְמָאגְנְדִיג קַיין בִּילֶעט.

## אִיךְ קֶען אִים, כְּ׳וֵויס וֶוער עֶר אִיז

אָנְקוּמֶענְדִיג קַיין קַאזַאטִין, אַ שְׁטָאט וֶועלְכֶע לוֹיפְט דוּרְךְ צְווִישְׁן קִיֶעוו אוּן אָדֶעס, הָאט עֶר בַּאגֶעגְנְט אַן אִינְטֶערְסַאנְטֶער אִידְל, אוֹיסְקוּקְנְדִיג הִיפְּשׁ מָאדְנֶע. דֶער אִיד פְרֶעגְט אִים

וואו עֶר פָּארְט, און אוֹיפְן עֶנְטְפֶער פון רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק אַז עֶר גֵייט קַיין אוּמַאן, הָאט זִיךְ בַּאווִיזְן אַ בְּרַייטֶע שְׁמֵייכְל און צוּפְרִידְנְהֵייט אוֹיפְן גֶעזִיכְט פון דֶעם אִידְ'ל. "אַה, אִיךְ פָּאר אוֹיךְ קַיין אוּמַאן, אִיךְ הָאף אַז דוּ קוּמְסְט זִיךְ בַּאטֵיילִיגְן בַּיים גְרוֹיסְן קִיבּוּץ בַּיים הֵיילִיגְן קֶבֶר פוּנֶעם רֶבִּי'ן"...

רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק הָאט זִיךְ גֶעפְרֵייט צוּ הֶערְן אַז כָּאטְשׁ פַארְמָאגְט עֶר אַ בַּאגְלֵייטֶער אוֹיפְן וֶועג,אָבֶער אִינֶעם זֶעלְבְּן צַייט אִיז עֶר גֶעוֶוען הִיפְּשׁ בַּאזָארְגְט אִיבֶּערְן וואוּילְזַיין פון זַיין מָאדְנֶע נֵיי-גֶעוָוארֶענֶעם חַבֶר וֶועלְכֶער הָאט אוֹיסְגֶעזֶען צוּ זַיין עֶלְטֶער פון אִים מִיט צֶענְדְלִיגֶער יָארְן,

אָבֶער דֶער אִיד הָאט אַרוֹיסְגֶעווִיזְן גְרוֹיס אַהֲבָה און קִרְבָה צוּ דֶעם יוּנְגְן בָּחוּרְ'ל. וֶוען רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר פַארְמָאגְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט מִיט וָואס מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין מִיטְן רַייזֶע, הָאט דֶער אִיד אוֹיסְגֶעזֶען גַאנְץ בַּאקְוֶועם מִיט דֶער צוּשְׁטַאנְד, און בְּלוֹיז אָנְגֶעווִיזְן אַז עֶר זָאל אִים נָאכְטוּן.

מִיט זִיכֶערֶע טְרִיט נֵייגְט עֶר–וֶוען אוּנְטֶער אִים שְׁפַּאנְט רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק מִיט הִיפְּשׁ פַארְלוֹירֶענֶע טְרִיט - צוּם אָנְקוּמֶענְדִיגְן בַּאן. עֶר גֶעבְּט זִיךְ אַ שְׁטוּפּ אַרַיין צְוִוישְׁן דִי פָּארְנֶדֶע, און פְלִינְקֶערְהֵייט צִיט עֶר זִיךְ אוֹיס אוּנְטֶער אַ בַּאנְק אוֹיפְן וַואגָאן... זֶעעֶנְדִיג אַז רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק קְוֶוענְקְלְט נָאךְ אִיבֶּערְן גֶעוַואקְטְן אַקְט, הָאט עֶר אִים שְׁנֶעל גֶעגֶעבְּן אַ שְׁלֶעפּ צוּ זִיךְ "קוּם אַהֶער, דָא אִיז זֵייעֶר בַּאקְוֶועם, מֶען קֶען לִיגְן אוּנְטֶערְן בַּאנְק בִּיז דֶער קָאנְדָאקְטָאר וֶועט דוּרְכְגֵיין דֶעם וַואגָאן. זֶעט אוֹיס אַז אִין אוּקְרֵיינֶע אִיז עֶס נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין זֶעלְטֶענֶער עֶרְשַׁיינוּנְג, און הָאט נִיטְאַמָאל גֶעצוֹיגְן צוּפִיל אִיבְּרִיגֶע אִינְטֶערֶעסֶע בַּיי דִי מִיטְפָּארֶענְדֶע.

אַזוֹי לִיגְנְדִיג אוּנְטֶערְן בַּאנְק, פְּרוּבִּירְנְדִיג זִיךְ צוּ בַּאקְוֶועם מַאכְן אוֹיפְן בֶּעסְטְן אוֹפָן וָואס שַׁיָיךְ, הָאט רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק אָנְגֶעהוֹיבְּן פִירְן אַ בַּאטַעֲ'מְטְן שְׁמוּעֶס מִיט דֶעם מָאדְנֶעם אִידְ'ל, און זֶעעֶנְדִיג אַז עֶר אִיז אַ דוּרְכְגֶעוֵוייקְטֶער בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד, הָאט עֶר אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְפְרֶעגְן אִיבֶּער זַיין בַּאקַאנְטְשַׁאפְט מִיט פִילֶע חֲסִידִים, אוֹיף וֶועלְכֶע רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק הָאט שׁוֹין פְרִיעֶר גֶעהֶערְט פון זַיין חַבֶר, אִיצִיקְל אָטְוָואצְקֶער.

אַזוֹי שְׁמוּעסְנְדִיג דֶערְמַאנְט עֶר זִיךְ אַז אִיצִיקְל הָאט אִים אַמָאל פַארְצֵיילְט אִיבֶּער אַ חָסִיד מִיטְן נָאמֶען רֶבִּי בֶּנְצִיוֹן אַפְּטֶער, אָדֶער וִוי מֶען הָאט אִים דַאן גֶערוּפְן 'דֶער אַפְּטֶער', וֶועלְכֶער מַאכְט שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אַלֶע זַיינֶע אַרוּמִיגֶע... דֶער אִיד פַארְקְנֵייטְשְׁט זַיין שְׁטֶערְן, און רוּפְט זִיךְ אָן עֶרְנְסְט, "אִיךְ קֶען אִים, כְּ'וֵויס וֶוער עֶר אִיז"... בְּלוֹיז אָנְקוּמֶענְדִיג קַיין אוּמַאן אִיז רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אַז זַיין בַּאגְלֵייטֶער אִיז גֶעוֶוען נִישְׁט קַיין צְוֵוייטֶער וִוי דֶער חָסִיד רֶבִּי בֶּנְצִיוֹן אַפְּטֶער זֶעלְבְּסְט...

*הֶמְשֵׁךְ יָבֹא בעז"ה,*

*חֹדֶשׁ אֱלוּל אִין אוּמַאן*



# דעם רבינ'ס משלים

...המשך פון לעצטע זייט

רִיכְטִיגֶע כָּבוֹד וָואס מֶען גִיבְּט פַאר אַזַא גְבִיר. דֶער קַאפִּיטַאן אִיז גֶעוָוארְן אַ גוּטֶער יְדִיד מִיט דֶעם אָרִימַאן אוּן אִים אָפְּט גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן, אוּן מַזָל מַאכְט דָאךְ קְלוּג, הָאט דֶער אָרִימַאן גֶעטְרָאפְן אַ סְפֶּעצִיעֶלְן חֵן אִין דִי אוֹיגְן פוּנֶעם קַאפִּיטַאן.

דֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעטְשַׁאטְשְׁקֶעט מִיט דֶעם טַייעֶרְן שְׁטֵיין, עֶר הָאט יֶעדֶע פָּאר מִינוּט זִיךְ פַארְטְרַאכְט אוֹיפְן שְׁטֵיין, דָאס אִיז דָאךְ זַיין גַאנְצֶע הַצְלָחָה פַאר זַיין לֶעבְּן! אֵיין טָאג אִינְמִיטְן זַיין גֶעשְׁמַאקְן מָאלְצַייט אִיז עֶר אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ טִיפֶער שְׁלָאף, - זַייעֶנְדִיג אַזוֹי מִיד הָאט עֶר פַארְגֶעסְן אַרַיינְצוּטוּן דִי טַייעֶרֶע שְׁטֵיין אִין אִיר קֶעסְטֶעלֶע - אוּן גֶעלָאזְט דֶעם טַייעֶרְן דִימַאנְט אוֹיפְן טִישְׁטוּךְ. דֶער בַּאדִינֶער קוּמְט אַרַיין אוּן זֶעט אַז דֶער מֶענְטְשׁ שְׁלָאפְט אַזוֹי זִיס, הָאט עֶר שְׁטִילֶערְהֵייט אַרָאפְּגֶענוּמֶען דֶעם טִישְׁטוּךְ פוּנֶעם טִישׁ אוּן אוֹיסְגֶעשָׁאקְלְט דֶעם גַאנְצְן טִישְׁטוּךְ מִיט אַלֶע בְּרֶעקֶעלֶעךְ אִין וַואסֶער אַרַיין, מִיטְנֶעמֶענְדִיג דֶעם טַייעֶרְן דִימַאנְט אִין דִי כְוַואלְיֶעס פוּן דֶער וַואסֶער...

**דער ריינער קוואל**

המשך פון זייט 1

מַיין בִּיטֶערְן גָלוּת, הָאסְטוּ מִיר מְקַרֵב גֶעוֶוען צוּ אַזַא גְרוֹיסְן צַדִיק, אִיךְ דַאנְק דִיר בַּאשֶׁעפֶער פַאר אַלֶע חֲסָדִים אוּן וואוּנְדֶער וָואס דוּ טוּסְט צוּ מִיר".

עֶס אִיז אוֹיךְ דָא אַ פָּסוּק הַיינְטִיגֶע פַּרְשָׁה, אַ בַּאקַאנְטֶע פָּסוּק, "הַיּוֹם הַזֶּה ה' אֱלֹקֶיךָ מְצַוְּךָ לַעֲשׂוֹת" אוּן נָאךְ אַ פָּסוּק "הַיּוֹם הַזֶּה נִהְיֵיתָ לְעָם", דִי אַלֶע פְּסוּקִים שְׁטֵייעֶן אַיין נֶעבְּן דִי פַּרְשָׁה פוּן בִּכּוּרִים אוּנְז צוּ וַוייזְן אַז אַ אִידִישׁ קִינְד קֶען זִיךְ יֶעדְן טָאג, יֶעדֶע שָׁעָה, יֶעדֶע רֶגַע זִיךְ בַּאנַייעֶן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי טִיף דֶער מֶענְטְשׁ אִיז לַיידֶער לַיידֶער גֶעפַאלְן, "הַיּוֹם!!" הַיינְט הֵייבּ אִיךְ אָן פְרִישׁ מִיט אַ בַּאנַייאוּנְג וֶוערְן אַ עֶרְלִיכֶער אִיד.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דַרְשְׁ'נֶען אוֹיפְן עֶרְשְׁטְן פָּסוּק פוּן דֶער תּוֹרָה, 'בְּרֵאשִׁית' בִּשְׁבִיל בִּכּוּרִים שֶׁנִּקְרָא רֵאשִׁית, דֶער עִיקָר בַּאשַׁאפוּנְג פוּן דֶער גַאנְצֶער בְּרִיאָה אִיז גֶעוֶוען פַאר דִי זַאךְ, 'בִּכּוּרִים', בַּאנַיי זִיךְ! אַ מֶענְטְשׁ זָאל אוּן קֶען יֶעדְן טָאג אָנְהֵייבְּן דִי בְּרִיאָה וִוי עֶס וָואלְט הַיינְט בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פוּן דָאסְנַיי, וָואס דָאס אִיז בֶּאֱמֶת אַזוֹי, דִי וֶועלְט אִיז נַיי, יָא! מִיר זָאגְן דָאס יֶעדְן טָאג בַּיים דַאוֶונֶען "וּבְטוּבוֹ מְחַדֵּשׁ בְּכָל יוֹם תָּמִיד מַעֲשֵׂי בְרֵאשִׁית," דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער מִיט זַיין גוּטְסְקֵייט בַּאשַׁאפְט יֶעדְן טָאג דִי וֶועלְט אַזוֹי וִוי בַּיים אָנְהֵייבּ בַּאשַׁאפוּנְג, אַיי דִי וֶועלְט קוּקְט אוֹיס אַזוֹי אַלְט, מִיט אַלְטֶע זִכְרוֹנוֹת פוּן אַמָאלִיגֶע צָרוֹת, דָאס אִיז אַלֶעס בַּיי אוּנְז אִין מֹחַ. לָאמִיר אַוֶועקְוַוארְפְן אוּנְזֶער נַארִישֶׁע שֵׂכֶל, אוּן בְּרֶענְגֶען אַ פְרִישֶׁע בִּכּוּרִים אוּן זִיךְ פַארְגִינֶען צוּ זִינְגֶען אַ נִיגוּן פַארְן בַּאשֶׁעפֶער מִיט לוֹיבּ אוּן דַאנְק אַז מִיר זֶענֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער, בְּנֵי אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב.

**נָא, גֶעגַאנְגֶען אַ צְוֵויי מִינוּט הוֹדָאָה!!, דַאנְק דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט דַיין שְׁפְּרַאךְ, מִיט דַיין קֶערְבֶּעלֶע פְרוּכְט אוּן נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וֶועט דִיר דִי וֶועלְט וֶוערְן מַמָּשׁ וִוי נַיי.** (לוֹיט דִי וֶוערְטֶער פוּן לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת בָּשָׂר וְחָלָב ד' אוֹת י"ג) **אַ גוּט שַׁבָּת, אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה**

# אִידִישֶׁע מַלְבּוּשִׁים

## מַיין הֵיילִיגֶע צִיצִית



אֵיינמָאל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה פַאר זַיין חָשוּבֶ'ער תַּלְמִיד רֶבִּי יוּדְל. **וָואס טְרַאכְטְן עֶנְק, וֶועלְכֶע מַתָּנָה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן פַאר זַיין תַּלְמִיד?**

אַ טַלִּית! יָא, דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס אַלְטֶע טַלִּית הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעשֶׁענְקְט, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ דָאן אָנְגֶערוּפְן צוּם תַּלְמִיד רֶבִּי יוּדְל: „זָאלְסְט זַיין זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט צוּ מְכַבֵּד זַיין דֶעם טַלִּית, ווייל **וויפִיל הָארֶעלֶעךְ עֶס גֶעפִינְט זִיךְ אִינֶעם טַלִּית אַזוֹי סַאךְ תְּפִלּוֹת הָאבּ אִיךְ פַארְגָאסְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער בִּיז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעווָאוּסְט וָואס דָאס מֵיינְט אַ טַלִּית!"**.

קִינְדֶער, מִיר זֶעעֶן פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ גֶעהַאט זַיין טַלִּית - דִי הֵיילִיגֶע חָשוּבֶ'ע מִצְוָה אוּן מִיר קִינְדֶער דַארְפְן אוֹיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אָפְּהִיטְן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע צִיצִית עֶס זָאל זַיין כָּשֵׁר אוּן רֵיין אוּן מִיר זָאלְן דָאס אַלֶעמָאל גֵיין.

קִינְדֶערְלֶעךְ מִיר וֶועלְן אוֹיסְרֶעכֶענֶען עֶטְלִיכֶע גָאר חָשוּבֶ'ע קִנְיָנִים וָואס מֶען קוֹיפְט זִיךְ אַיין וֶוען מִיר טְרָאגְן דֶעם הֵיילִיגְן בֶּגֶד, דֶער צִיצִית.

אַז מֶען טוּט אָן אַ צִיצִית וֶוערְט מֶען גֶעהִיטְן פוּן אַלֶע סָארְטְן טוּמְאוֹת אוּן מֶען וֶוערְט גֶערַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע עֵצָה-גֶעבֶּערְס אַזֶעלְכֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גֶעבְּן שְׁלֶעכְטֶע עֵצוֹת אוּן זֵיי וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן **„עֲצַת הַנָּחָשׁ"**, עֵצוֹת וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע גִיבְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ חַס וְשָׁלוֹם.

וֶועלְכֶער אִינְגְל ווִיל דֶען נִישְׁט אַלֶעמָאל הָאבְּן אַ גוּטֶע אוּן קְלוּגֶע עֵצוֹת? יֶעדֶער ווִיל... נָא, וֶוען מֶען טוּט אָן דִי הֵיילִיגֶע צִיצִית קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען **גוּטֶע עֵצוֹת** פוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, וָואס עֶר לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס ווִיאַזוֹי זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן הֵיילִיג אוּן עֶרְלִיךְ, צוּ קֶענֶען זַיין נָאנְט צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

וָואס נָאךְ? נָאךְ אַסַאךְ מַתָּנוֹת גִיבְט אוּנְז דִי צִיצִית, מִיר וֶועלְן אוֹיסְרֶעכֶענֶען עֶטְלִיכֶע גוּטֶע זַאכְן.

**אֱמֶת** - זַיין אַן אֱמֶת'ער אִינְגְל, נִישְׁט אוֹיסְנַארְן קֵיינֶעם. **אֱמוּנָה** - גְלֵייבְּן אִין הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אוּן גְלֵייבְּן אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ נַחַת רוּחַ פוּן מִיר אוּן פוּן מַיינֶע פְּעֻלּוֹת. **תְּפִלָּה** - מַיין מוֹיל זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין אָפְן אוּן גְרֵייט צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן קֶענֶען דַאוֶונֶען גֶעשְׁמַאק מִיט כַּוָּונָה.

דוּרְךְ צִיצִית אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ **קְדוּשַּׁת אֶרֶץ**

**יִשְׂרָאֵל** - סַיי אַ אִינְגֶל וָואס וואוינְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל און אויךְ קִינְדֶער וֶועלְכֶע וואוינֶען אִין חוּץ לָאָרֶץ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ קְדוּשַּׁת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל דוּרְךְ דִי הֵיילִיגֶע צִיצִית. אויךְ קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ **נִסִּים** אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז מַאכְן ווּאוּנְדֶער, מִיר קִינְדֶער וֶועלְן מִתְפַּלֵּל זַיין אויף אוּנְזֶערֶע גֶעבְּרוֹיכְן און דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז טוּן נִסִּים... און אִין דֶעם זְכוּת אויךְ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי **גְאוּלָה**, סַיי יֶעדֶער אִיד פַּאר זִיךְ קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גְאוּלָה און אויךְ דִי גְרוֹיסֶע גְאוּלָה וָואס אַלֶע אִידְן וַוארְטְן שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג דֶערוֹיף.

**פַּרְנָסָה!** וֶוער ווִיל נִישְׁט דֶען הָאבְּן בְּרֵייט פַּרְנָסָה מִיט שֶׁפַע? יָא, צִיצִית בְּרֶענְגְט דָאס אוֹיכֶעט, פַּרְנָסָה מִיט בְּרָכָה!

וָואס אִיז אֵיינֶע פוּן דִי שְׁוֶוערְסְטֶע נִסָּיוֹן וָואס אַ אִינְגְל גֵייט אַדוּרךְ? אוֹיבּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט גוּט דָאס לֶערְנֶען! מִיר הָאבְּן אַן עֵצָה פַאר דִיר צַדִּיקְ'ל, 'אַ צִיצִית'ל', יָא, מֶען קֶען דוּרְךְ אִיר **פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, און אוּנְטֶערְדְרִיקְן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת** און מֶען בַּאקוּמְט **גוּטֶע מִדּוֹת**, און מַיין צִיצִית אִיז **מַכְנִיעַ אַלֶע מִתְנַגְּדִים** אוֹיפְן צַדִּיק... אויךְ אִיז עֶס מַכְנִיעַ מַיין יֵצֶר הָרָע'לע, עֶר אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער מִתְנַגֵּד...

דוּ ווֵייסְט וָואס נָאךְ? קֶענְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ עֶפֶּעס וָואס אִיךְ ווִיל עֶס נִישְׁט זָאגְן הוֹיךְ ווַייל סְ'אִיז אַ סוֹד! וֶועסְט קֵיינֶעם נִישְׁט דֶערְצֵיילְן? נֶע, אִיךְ לָאז דִיר יָא דֶערְצֵיילְן ווַייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פַּארְגִינְט יֶעעעעעעדְן אֵיינֶעם, נָא וָואס אִיז שׁוֹין דֶער סוֹד?

דֶער סוֹד אִיז אַז דוּרְךְ צִיצִית קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ ווִיסְן **'סוֹדוֹת הַתּוֹרָה'!** וַואוּ... אַזַא קְלֵיין אִינְגֶל קֶען פַארְשְׁטֵיין סוֹדוֹת הַתּוֹרָה, וָואס מֵיינְט עֶס בִּכְלָל?! דִי גְרֶעסְטֶע סוֹדוֹת וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אִיז... מִיר זָאלְן ווִיסְן אַלֶעמָאל אִין אַלֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן אַז אויף יֶעדֶע פְּלַאץ אויף דֶער וֶועלְט גֶעפִינְט זִיךְ מִיט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, און מִיר וֶועלְן טַאקֶע דוּרְךְ דִי צִיצִית קֶענֶען **פַארְשְׁטֵיין אַלֶע רְמָזִים** וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער שִׁיקְט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג און זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה טוּן און פַארְרֶעכְטְן אַלֶע חֶסְרוֹנוֹת און זַיין עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער. (לויט ליקוטי עצות, אות ציצית)



מִיר זֶען אַז ר' נָתָן רֶעדְט אַזוֹיפִיל אַרוּם וֶועגְן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה, אִין סֵפֶר לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת בְּרֶענְגְט עֶר מֶער פוּן הוּנְדֶערְט פֶערְצִיג בְּחִינוֹת אויף צִיצִית, און אִין זַיינֶע בְּרִיוֹן מַאכְט עֶר אַ גְרוֹיסְן עֵסֶק ווִיפִיל מִיר דַארְפְן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה. אִין אֵיין בְּרִיוו בַּאדַאנְקְט עֶר זִיךְ פַאר זַיין זוּן ר' יִצְחָק אַז עֶר הָאט בַּאקוּמֶען פוּן אִים דִי צִיצִית'לֶעך פַאר זַיין טַלִּית און גֶעבִּינְדְן דִי צִיצִית און ר' נָתָן אִיז אִיבֶּערְגְלִיקְלִיךְ אַז עֶר הָאט שׁוֹין אַ נֵייעֶם טַלִּית.

(דער מאמר איז געשריבן געווארן לרפואת הרה"ח ר' אלימלך בן אסתר הי"ו, אין זכות פון די הייליגע מצות ציצית וואס איז מסוגל לחולה זאל ער זוכה זיין צו א גאנצע רפואה בקרוב אמן.)

## עצות וואס ברענגען צו תשובה

פון ספרי רבינו ותלמידו



### אויף די ברייט

- אמירות
- תורה
- הכנעה
- שמחה
- התבודדות
- שופר
- שבת
- קדושה
- כיסופין
- התקרבות לצדיקים
- אנעמען בזיונות באהבה

### אויף די הייך

- תפלה
- בושה
- המתן
- ראש חודש
- צדקה
- כבוד פארן אויבערשטן
- משפט
- וידוי דברים
- תהילים
- התחזקות
- חרטה

הדפסת הגליון נתנדב ע"י

הר"ר יהודה חנון הי"ו
לרגל הולדות הבת למזל טוב

הדפסת הגליון נתנדב ע"י

הר"ר יואל צבי ראטנבערג הי"ו
לרגל הכנסת בנו הבה"ח מאיר י-הוסף נ"י
לעול התורה והמצוות

הר"ר מרדכי בערגער הי"ו
לרגל הולדות הבת למזל טוב

הר"ר רפאל קנעפלער הי"ו
לרגל הולדות הבן למזל טוב

# מַעֲשֶׂה ב׳ – דֶער מֶלֶךְ אוּן דֶער קֵיסֶער (3)

וַיְהִי הַיּוֹם אוּן עֶס אִיז גִיוֶוען אַ מֶלֶךְ. דֶער מֶלֶךְ הָאט זִיךְ גִיבּוֹיאִיט פַּאלַאצִין אוֹיף דֶעם יַם. וָוארְן דָארְט אִיז אִים גִיפֶעלְן מַחֲמַת דֶעם אַוִיר פוּן דֶעם יַם אוּן מַחְמַת דִי שִׁיפִּין גֵייעֶן דָארְטִין.

אוּן דִי בַּת קֵיסֶר אִיז גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם יַם. אוּן אִיז גִיקוּמֶען נָאהֶנְט צוּ דֶעם פַּאלִיץ פוּן דֶעם מֶלֶךְ. דֶער מֶלֶךְ הָאט אַ בְּלִיק גִיטָאן. הָאט עֶר גִיזֶעהְן וִוי דִי שִׁיף גֵייט אָן רִידִירְשׁ אוּן עֶס אִיז דָארְט קֵיין מֶענְשְׁן נִיט דָא הָאט עֶר גִימֵיינְט עֶר אִיז זִיךְ טוֹעֶה.

הָאט עֶר גִיהֵייסִין זַיינֶע מֶענְשְׁן זֵיי זָאלְן קוּקִין הָאבִּין זֵיי אוֹיךְ גִיזֶעהְן. אוּן זִי אִיז נָאהֶנְט גִיקוּמֶען צוּ דֶעם פַּאלִיץ. הָאט זִי זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען. וָואס טוֹיג אִיר דֶער פַּאלִיץ. אוּן הָאט אָן גִיהוֹיבִּין זִיךְ אוּם צוּ קֶערִין. הָאט דֶער מֶלֶךְ גִישִׁיקְט אוּן מֶהָאט זִי אוּם גִיקֶערְט קְרִיק. אוּן עֶר הָאט זִי גִיבְּרַאכְט צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּב אַרַיין.

אוּן דֶער מֶלֶךְ הָאט נִיט גִיהַאט קֵיין וַוייבּ וָוארְן עֶר הָאט זִיךְ נִיט גִיקָאנְט צוּ קְלוֹיבִּין. וָוארְן דִי וָואס עֶר הָאט גִיוָואלְט הָאט אִים נִיט גִיוָואלְט אוּן אַזוֹי פַּאר קֶערְט אוֹיךְ. וִוי דִי בַּת קֵיסֶר אִיז צוּ אִים גִיקוּמֶען. הָאט זִי אִים גִיזָאגְט. אַז עֶר זָאל אִיר שְׁוֶוערִין אַז עֶר זָאל זִי נִיט אָן רִירִין בִּיז עֶר וֶועט זִי נֶעמֶען כַּדִין.

הָאט עֶר אִיר גִישְׁווּאוֹירְן. הָאט זִי אִים גִיזָאגְט. אַז עֶס אִיז רֶעכְט. אַז עֶר זָאל נִיט עֶפֶענֶען אִיר שִׁיף אוּן זָאל זִי נִיט אָן רִירִין. נָאר דִי שִׁיף זָאל אַזוֹי שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם יַם בִּיז אִין דֶער חֲתוּנָה. כְּדֵי אַלֶע זָאלְן זֶעהְן דֶעמוּלְט וִוי פִיל סְחוֹרָה זִי הָאט גִיבְּרַאכְט. כְּדֵי מִזָאל נִיט זָאגְן. אַז עֶר הָאט גִינוּמֶען. אֵיין אִשָּׁה פוּן דֶעם מַארְק. הָאט עֶר אִיר אַזוֹי צוּ גִיזָאגְט.

אוּן דֶער מֶלֶךְ הָאט גִישְׁרִיבִּין צוּ אַלֶע מְדִינוֹת אַז זֵיי זָאלִין אַלֶע קוּמֶען אוֹיף דֶער חֲתוּנָה. אוּן הָאט אוֹיס גִיבּוֹיעֶט פַּאלַאצִין פוּן אִירִיט וֶועגִין. אוּן זִי הָאט גִיהֵייסְן אַז מִזָאל אִיר בְּרֶענְגֶען עֶלֶעף פּאנִיס. אַז זֵיי זָאלִין מִיט אִיר זַיין. הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיהֵייסְן.

הָאט מֶען אִיר גִישִׁיקְט עֶלֶעף פּאנִיס זֵייעֶר גְרוֹיסֶע שְׂרָרוֹת טֶעכְטֶער. אוּן מִהָאט אוֹיס גִיבּוֹיעֶט אִיטְלִיכֶער אֵיין פַּאלִיץ אַ בַּאזוּנְדֶערִין. אוּן זִי הָאט אוֹיךְ גִיהַאט אַ בַּאזוּנְדֶערִין פַּאלִיץ. אוּן זֵיי פְלֶעגִין זִיךְ צוּ אִיר צוּם הוֹיף קוּמֶען. פְלֶעגִין זֵיי שְׁפִּילִין אוֹיף כְּלֵי שִׁיר. אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ מִיט אִיר גִישְׁפִּילְט.

אַמָאל הָאט זִי צוּ זֵיי גִיזָאגְט. זִי ווִיל מִיט זֵיי גֵיין אוֹיף דֶעם יַם. זֶענֶען זֵיי מִיט אִיר גִיגַאנְגֶען הָאבִּין זֵיי זִיךְ דָארְט גִישְׁפִּילְט. הָאט זִי צוּ זֵיי גִיזָאגְט. זִי וֶועט זֵיי מְכַבֵּד זַיין מִיט גוּטִין וַויין וָואס זִי הָאט.

הָאט זִי זֵיי גִיגֶעבְּן פוּן דֶעם וַויין וָואס אִיז גִיוֶוען אִין דֶער שִׁיף. זֶענֶען זֵיי שִׁיכּוֹר גִיוָוארֶען. אוּן זֶענֶען אַנִידֶער גִיפַאלִין אוּן זֶענֶען גִיבְּלִיבְּן לִיגִין. אִיז זִי גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט אוֹיף גִיבּוּנְדְן דִי שִׁיף. אוּן הָאט צוּ לָאזְט דִי לַייוִונְטְן אוּן אִיז אַנְטְלוֹיפְן

גִיוָוארִין מִיט דֶער שִׁיף.

אוּן דֶער מֶלֶךְ מִיט זַיינֶע לַייט הָאבִּין אַ קוּק גִיטָאן. אוּן הָאבְּן דֶער זֶעהְן אַז דִי שִׁיף אִיז נִיט דָא זֶענֶען זֵיי זַייעֶר דֶער שְׁרָאקְן גִיוָוארְן.

הָאט דֶער מֶלֶךְ צוּ זֵיי גִיזָאגְט זֶעהט אַז אִיר זָאלְט אִיר פְּלוּצִים נִיט זָאגְן וָוארִין זִי וֶועט גְרוֹיס צַעַר הָאבִּין (וָוארִין דֶער מֶלֶךְ הָאט נִיט גֶעוואוּסְט אַז זִי אַלֵיין אִיז אַנְטְלוֹיפִין גִיוָוארְן עֶר הָאט גִימֵיינְט זִי אִיז אִין אִיר חֶדֶר) אוּן זִי וֶועט מֵיינֶען אַז דֶער מֶלֶךְ הָאט אֵיינֶעם אַוֶועק גִישֶׁענְקְט דִי שִׁיף. נָאר מֶען זָאל שִׁיקִין אִיר אֵיינֶע פוּן דִי פַּאנִיס מֶען זָאל אִיר זָאגְן מִיט חָכְמָה.

אִיז מֶען גִיגַאנְגֶען אִין אֵיין חֶדֶר אוּן מֶען הָאט קֵיינֶעם נִיט גִיפוּנֶען. אִין אַזוֹי אִין אַנְדֶערְן חֶדֶר הָאט מֶען אוֹיךְ קֵיינֶעם נִיט גִיפוּנֶען. אוּן אַזוֹי אִין אַלֶע עֶלֶעף חֲדָרִים הָאט מֶען אוֹיךְ קֵיינֶעם נִיט גִיפוּנֶען.

הָאבְּן זֵיי זִיךְ מְיַשֵּׁב גִיוֶועְן (דֶער מֶלֶךְ מִיט זַיינֶע לַייט) אַז זֵיי זָאלִין אִיר שִׁיקִין בַּיי נַאכְט אֵיין אַלְטֶע שְׂרָרַתְתִּי. אַז זִי זָאל אִיר זָאגִין. אִיז מֶען גִיקוּמֶען צוּ אִיר חֶדֶר הָאט מֶען אוֹיךְ קֵיינֶעם נִיט גִיפוּנֶען זֶענֶען זֵיי זַייעֶר דֶער שְׁרָאקִין גִיוָוארֶען.

דֶער וַוייל דִי פֶּעטִיר פוּן דִי פַּאנִיס. הָאבְּן גִיזֶעהְן זֵיי הָאבִּין קֵיין שׁוּם בְּרִיוו נִיט פוּן זַייעֶרֶע טֶעכְטֶער. זֵיי שִׁיקִין בְּרִיוו אוּן מֶען שְׁרַייבְּט זֵיי גָאר נִיט אָפּ.

הָאבִּין זֵיי זִיךְ אוֹיף גִיהוֹיבִּין. אוּן זֶענֶען אַלֶע גִיפָארִין צוּ זֵיי. אוּן הָאבִּין נִיט גִיפוּנֶען אֵיינֶעם פוּן זַייעֶרֶע טֶעכְטֶער. זֶענֶען זֵיי זַייעֶר בְּרוֹגֶז גִיוָוארִין.

הָאבִּין זֵיי גִיוָואלְט דֶעם מֶלֶךְ פַּאר שִׁיקִין. וָוארְן זֵיי זֶענֶען גִיוֶועְן דִי שָׂרֵי מְלוּכָה. נָאר זֵיי הָאבִּין זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶועְן. וָואס אִיז דֶער מֶלֶךְ שׁוּלְדִיג אַז עֶס זָאל אִים קוּמֶען פַּאר שִׁיקִין. דֶער מֶלֶךְ אִיז דָאךְ אֵיין אוֹנֶס.

אִיז גִיבְּלִיבְּן מֶען זָאל אִים אָפּ זָאגִין פוּן דֶער מְלוּכָה אוּן מֶען זָאל אִים פַּאר טְרַייבְּן. הָאט מֶען אִיהם מַעֲבִיר גִיוֶועְן אוּן מֶען הָאט אִים פַּאר טְרִיבְּן. אִיז עֶר זִיךְ אַוֶועק גִיגַאנְגֶען.

אוּן דִי בַּת קֵיסָר וָואס זִי אִיז אַנְטְלוֹיפִין גִיוָוארִין אִיז גִיגַאנְגֶען מִיט דֶער שִׁיף. דֶער נָאךְ הָאבִּין זִיךְ אוֹיף גִיחַאפְּט דִי פַּאנִיס. אוּן הָאבִּין ווִידֶער אָן גִיהוֹיבְּן מִיט אִיר צוּ שְׁפִּילְן אַזוֹי ווִי פְרִיר, וָוארִין זֵיי הָאבְּן נִיט גִיוואוּסְט אַז דִי שִׁיף אִיז שׁוֹין אַוֶועק גִיגַאנְגֶען פוּן דֶעם בָּארְטִין. נָאךְ דֶעם הָאבִּין זֵיי אִיר גִיזָאגְט לָאמִיר זִיךְ אוּם קֶערִין אַהֵיים.

הָאט זִי זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. לָאמִיר נָאךְ זָאמִין דָא אַבִּיסְל. דֶער נָאךְ הָאט זִיךְ אוֹיף גִיחַאפְּט אַ שְׁטוּרֶעם ווִינְט. הָאבִּין זֵיי גִיזָאגְט לָאמִיר זִיךְ אוּם קֶערִין אַהֵיים.

הָאט זִי זֵיי אוֹיס גִיזָאגְט אַז דִי שִׁיף אִיז שׁוֹין לַאנְג אַוֶועק גִיגַאנְגֶען פוּן דֶעם בָּארְטִין. הָאבִּין זֵיי זִי גִפְרֶעגְט נָאךְ וָואס הָאסְטוּ דָאס גִיטָאן. הָאט זִי גִיזָאגְט זִי הָאט מוֹרָא גִיהַאט טָאמֶער וֶועט דִי שִׁיף צוּ בְּרָאכִין וֶוערִין מַחְמַת דֶעם שְׁטוּרִים ווִינְט

אִיבֶּער דֶעם הָאט זִי גִימוּזְט אַזוֹי טָאן.

שם: ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## דער מלך און דער קייסער (3)

**א. פארוואס האט דער מלך געבויט פאלאצן אויפ'ן ים?**
- ❑ וועגן די לופט פון דער ים
- ❑ ווייל די שיפן גייען דארטן
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ב. פארוואס האט דער מלך נישט געהאט א ווייב?**
- ❑ ווייל וועמען ער האט געוואלט האט זי נישט געוואלט, און אזוי אויך פארקערט
- ❑ ווייל ער האט קיינעם נישט געוואלט
- ❑ ווייל קיינער האט אים נישט געוואלט

**ג. וואס האט אים די בת קיסר געזאגט?**
- ❑ אז ער זאל איר שווערן אז ער וועט קיינמאל נישט אנרורן די שיף
- ❑ אז ער זאל איר שווערן אז ער וועט נישט אנרורן די שיף ביז ער וועט איר נעמען כדת
- ❑ אז עס איז רעכט אז ער זאל נישט עפענען די שיף ביז די חתונה

**ד. וואס האט דער מלך געבויט פאר די בת קיסר?**
- ❑ פאלאצן
- ❑ גארנישט
- ❑ א גרויסע שיף

**ה. וויפיל פאנעס האט זי געהייסן ברענגען?**
- ❑ צען
- ❑ עלעף
- ❑ צוועלעף

**ו. וואס האט מען געבויט פאר די פאנעס?**
- ❑ איין פאלאץ פאר אלע צוזאמען
- ❑ א עקסטערע פאלאץ פאר יעדע איינע
- ❑ מ'האט גארנישט געבויט פאר זיי

**ז. וואס האט זי געטון נאכדעם וואס די פאנעס זענען געווארן שיכור?**
- ❑ זי איז צוריק צו איר פאלאץ
- ❑ זי איז איינגעשלאפן צוזאמען מיט זיי
- ❑ זי האט אויפגעבינדן די שיף און אנטלאפן מיט דער שיף

**ח. וואס האבן געטון די טאטעס פון די פאנעס ווען זיי האבן זיי נישט געטראפן זייערע טעכטער?**
- ❑ זיי זענען געגאנגען זיי זוכן אויפ'ן ים
- ❑ זיי האבן פארשיקט דעם מלך
- ❑ זיי האבן אפגעזאגט דעם מלך פון די מלוכה

טיפער געטראכט



ט. וואס האט די בת-קיסר געזאגט פאר דעם בן הסוחר – און וואס האט די בת-קיסר געזאגט צום קעניג וואס האט געבויט פאלאצין אויפן ים?

י. דער בן הסוחר האט געהאט א ווייב ? – דער קעניג וואס האט געבויט פאלאצין אויפן ים האט געהאט א ווייב ?

**דער געווינער אויף מלך און קייסער 2**
**איז הילד החשוב קורנבליט, טעלעפאן 4676****

די מתנה ליגט ביים משגיח אין ת"ת ברסלב בית שמש / ירושלים

צו ענטפערן די בחינות און ארייגגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040



# דעם רבינ'ס משלים

עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיינְמָאל אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַן אָרִימַאן וָואס הָאט גֶעצוֹיגְן זַיין פַּרְנָסָה פוּן גְרָאבְּן לֵיים אוּן עֶס פַּארְקוֹיפְן. אֵיין טָאג אִיז עֶר וִוי גֶעוֶוענְלִיךְ גֶעשְׁטַאנֶען אִין דִי לֵיים אוּן גֶעגְרָאבְּן אוּן צוּ זַיין ווָאוּנְדֶער טְרֶעפְט אִין דֶער זַאמְד אַ טַייעֶרֶע דִימַאנְט-שְׁטֵיין, עֶר הָאט גְלַייךְ פַּארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס שְׁטֵיינְדְל אִיז גָאר טַייעֶר אוּן אוּמְשַׁאצְבַּאר. עֶר הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעוואוּסְט וִוי וַוייט עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי טַייעֶר.

עֶר וֶוענְדְט זַיינֶע טְרִיט צוּ אַ סוֹחֵר וָואס פַּארְשְׁטֵייט גוּט צוּ דִימַאנְט-שְׁטֵיינֶער, עֶר זָאל אִים גֶעבְּן אַ שַׁאץ אוֹיף דֶעם שְׁטֵיין. רוּפְט זִיךְ דֶער סוֹחֵר אָן: "אִין דֶער מְדִינָה אִיז נִישְׁט פַארְהַאן דֶער מֶענְטְשׁ וָואס קֶען בַּאצָאלְן דִי פְּרַייז פַאר אַזַא שְׁטֵיין, דוּ דַארְפְסְט פָארְן אַרִיבֶּער דֶער יַם דָאס צוּ פַארְקוֹיפְן, אִין לָאנְדָאן דִי קֶענִיגְלִיכֶע לַאנְד דָארְט וֶועסְטוּ קֶענֶען טְרֶעפְן קוֹנִים פַאר אַזַא שְׁטֵיין".

דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גֶעוֶוען אָרֶעם וִוי דֶער נַאכְט, קַיין גֶעלְט פַאר אַזַא נְסִיעָה פַארְמָאגְט עֶר זִיכֶער נִישְׁט, וָואס טוּט מֶען?! עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעבָּארְגְט גֶעלְט צוּ קֶענֶען פָארְן בִּיז צוּם בָּארְטְן פוּן וַואסֶער, וִוי נָאר עֶר קוּמְט צוּם בָּארְטְן אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם קַאפִּיטַאן פוּנֶעם שִׁיף אוּן אִים דֶערְצֵיילְט וָואס הָאט זִיךְ מִיט אִים אָפְּגֶעשְׁפִּילְט דִי לֶעצְטֶע שָׁעוֹת, אַז עֶר דַארְף פָארְן אַרִיבֶּער דֶעם וַואסֶער צוּ פַארְקוֹיפְן דִי שְׁטֵיין אוּן הָאט בַּאוִויזְן פַארְן קַאפִּיטַאן דֶעם שְׁטֵיינְדְל.

"אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעלְט פַאר אַ בִּילֶעט אוֹיפְן שִׁיף" זָאגְט דֶער אָרִימַאן, "אָבֶער, אִיךְ בֶּעט אַייךְ, לָאזְט מִיר אַרוֹיף אוֹיפְן שִׁיף, אִיךְ וִויל אוֹיךְ אִיר זָאלְט מִיר גֶעבְּן צוּ עֶסְן א.א.וו וִוי נָאר אִיךְ וֶועל פַארְקוֹיפְן דֶעם שְׁטֵיין וֶועלְן אִיךְ אַלֶעס גָאר בְּרֵייט אָפְּצָאלְן בִּיזְן לֶעצְטְן פְּרוּטָה."

דֶער קַאפִּיטַאן הָאט גֶעעֶפְנְט זַיינֶע אוֹיגְן בְּרֵייט, זֶעעֶנְדִיג דָאס גְלַאנְץ וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּנֶעם דִימַאנְט הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער אָרִימַאן וֶועט בַּאקוּמֶען דֶערְפַאר מִילְיָאנֶען אוּן וֶועט וֶוערְן אַן אוֹיפְגֶעקוּמֶענֶער גְבִיר, הָאט עֶר אִים שׁוֹין אַרוֹיפְגֶעלָאזְט אוֹיפְן שִׁיף, אוּן צוּגֶעשְׁטֶעלְט אַ סְפֶּעצִיעֶלְן גוּטֶע צִימֶער אַיינְגֶערִישְׁט מִיט אַלֶע בַּאקְוֶועמְלִיכְקַייטְן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר הָאט אִים גֶעגֶעבְן דִי

המשך אויף זייט 5

